# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' תרומה
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ג

## פראגע

**רוב מענטשן האבן דעם פראבלעם אז ווען מיר הערן מוסר, קען עס אפשר האבן א השפעה אויף א קורצע צייט, אבער עס האלט נישט אן לאנג. וואס זאגט איר וועגן דעם?**

## ענטפער:

**און** דער ענטפער איז אז ווען איינער זאגט אייך מוסר איז עס בלויז **דער אנהייב** פון א קאריערע פון עס **איבער'חזר'ן צו זיך אליינס**. ווייל קיינער קען נישט באמת האבן א השפעה אויף אייך. אויב גייט איר ווארטן און זיך פארלאזן בלויז אויף דרויסנדיגע איינפלוס, איז עס צו זעלטן; ס'איז צו ווייניג און צעשפרייט אז די השפעה זאל קענען אנהאלטן.

ווען איר הערט א גוטע נקודה – לאמיר זאגן איר לערנט עפעס אין א ספר, אדער איר הערט עפעס נוצבאר – דארף עס ווערן אדאפטירט ביי אייך אלס אן אייגענע געדאנק, מיט אייערע אייגענע ווערטער. מען דארף עס כסדר איבערזאגן פאר זיך אליינס, אויפ'ן גאס, אויפ'ן באן, ביי די ארבעט און אינדערהיים. און דורכדעם וועט עס ווערן אייער אייגנטום. איינמאל עס ווערט אייער געדאנקענגאנג ווערט עס א חלק פון אייער כאראקטער.

דאס איז אן עבודה וואס פארלאנגט זיך א לאנגע פראקטיצירונג. עס קען דויערן יארן ביז עס זעצט זיך ענדגילטיג אריין אין אייער כאראקטער. אבער פריער אדער שפעטער, איין טאג וועט איר זיך אויפוועקן און עס וועט זיין א חלק פון אייער פערזענליכקייט. (#553)

## פראגע

**וואס האט געמאכט אז די מדינה אמעריקע זאל זיין אזוי סוקסעספול?**

## ענטפער:

**קוק,** עס קען זיין איך בין נישט גערעכט, אבער פאר מיר פערזענליך געפעלט אנצולייגן די הצלחה פון די מדינה צו די אמעריקאנער פעני. איך וועל עס מסביר זיין:

עס איז אמאל געווען א ישיבה-מאן וואס האט געפרעגט א שאלה, צי ס'איז מותר אריינצוגיין אין ביה"כ מיט געלט אין טאש. ער האט געזאגט "עס שטייט אויף די געלט 'In God we trust', אויב אזוי אפשר איז אסור אריינצוגיין מיט'ן באשעפער'ס נאמען אין ביה"כ?!"

יעצט, נישט קיין חילוק וואס דער ענטפער אויף די שאלה איז, ס'איז נישט וויכטיג יעצט, אבער אט די אויפשריפט אויף די אמעריקאנער מטבע איז יא וויכטיג. די אמעריקאנער וואלוטע ערקלערט "מיר פארלאזן זיך אויפ'ן באשעפער".

ביז היינט איז אמעריקע געשטאנען אויפ'ן יסוד פון אמונה אין א בורא עולם. אפילו די פרעזידענטן האבן עס געמאכט פאר א כלל איז זייערע נאציאנאלע אויפטריט צו דערמאנען כאטש איינמאל דעם באשעפער. און ווען דאס וועט זיך אויפהערן, האלט איך אז אמעריקע ווערט פארלירן איר גוט מזל.

דער אמת איז אז אין א גרויסע מאס האט זיך עס שוין אויפגעהערט; און וועגן דעם איז אונזער מדינה נאך קיינמאל נישט געווען אזוי פארשעמט ווי יעצט מיט'ן וויעטנאם-קריג. עס זענען דא היפש סיבות פארוואס אמעריקע איז אצינד ראוי צו ווערן צו

שאנד. מיר זענען פארדארבן מיט אלע סארט פראבלעמען. מיר האבן א סופרים-קאורט וואס איז פארנומען צו רואינירן דאס לאנד. יעצט איז שוין אביסל בעסער, אבער ביז יעצט איז עס אזוי געווען. די סופרים-קאורט האט געשטיצט תועבה, רציחה, הפלות. דאס לאנד איז געווארן פארפלייצט מיט אלע סארט רשעות.

אבער די גרעסטע פון אלע קארופציעס אין אמעריקע איז געווען די פארשפרייטע לימוד פון כפירה. טראץ די דעקלעראציעס פון די מאדערן-ארטאדאקסישע ראביים און די פראטעסטאנטישע מיניסטערס (זיי זענען די זעלבע זאך) אז די לימוד פון עוואלוציע קען גיין צוזאמען מיט די אמונה אין א בורא עולם, פארשטייען מיר אבער אז ס'איז א חלום. ס'איז א פאנטאזיע. די גאנצע טעאריע שטייט אויף די הנחה און רצון צו פארלייקענען דעם בורא ר"ל.

און אמעריקע הייגט לאזט אריין די טעאריע. עס ווערט פארלאנגט דורך די סטעיט עדיוקאציע דעפארטמענט – דאס רופן זיין עדיוקאציע – און עס איז נישט דא קיין נושא, חוץ אפשר מאטעמאטיקס, וואס איז נישט פאר'סמ'ט דורך די כפירה'דיגע טעאריע.

דערפאר איז די אמעריקאנער פעני אין א סכנה! אפשר איין טאג וועט נאך זיין א סופרים-קאורט פסק אז ס'איז פארבאטן ארויפצולייגן די ווערטער אויף א פעני! זיי וועלן זאגן אז ס'איז קעגן די יסודות פון "סייענס" צו זאגן "In God we trust". דעמאלטס, אין יענעם טאג, קען די מזל פון אמעריקע נעמען א גרויסע דריי אויף אראפ. (#49)

## פראגע

# פארוואס ווערט געלייגט אזא שטארקע דגוש ביי אידן זיך צוצודעקן דעם קאפ מיט א הוט?

## ענטפער:

**אסאך** אידן וועלן זאגן, ס'איז א פסוק אין חומש! אין חומש שטייט "וילך משה" און משה איז געגאנגען. נו, וואלט משה ארויסגעגאנגען אן קיין הוט?!...

יעצט מיר דארפן פארשטיין אז ס'איז דא אזא זאך ווי "כללי התנהגות", עס זענען דא אנגענומענע דרך ארץ כללים ווען מען שטעלט זיך פאר'ן אויבערשטן. ווען מען גייט דאווענען איז דא א פסוק "הכון לקראת אלקיך ישראל" (עמוס ד יב – ברכות כג.) – מאך דיך גרייט! מען טוט זיך אן עפעס מער. מען פרובירט אראפצונעמען די שמוציגע ארבעטס-קליידער און מען פרובירט זיך אנצוטון מער פאסיג ווען מען גייט דאווענען. וועגן דעם איז עס א מנהג, אויב האט מען א יארמולקע, טו אן אויך א הוט, טו אן א רעקל, ווייז רעספעקט פאר'ן אויבערשטן. דאס איז דרך ארץ.

מיר האבן אידישע מנהגים, און דער איד גייט נישט בייגן זיינע וועגן צוליב די מנהגים פון די גוים. אז די זולוס, די אסקימאס, די דייטשן האבן זיך זייערע נאציאנאלע וועגן, מיינט עס גארנישט פאר אונז. אונזער נאציאנאלער מנהג איז אז מיר צייגן ארויס איידלקייט מיט'ן צודעקן אונזער האָר. פארוואס נישט? וואס איז האָר? האר איז אסאך שטרוי אויפ'ן קאפ. וואס איז שוין אזוי געוואלדיג מיט'ן אויפדעקן די האר? מען טוט אן א הוט. איר ווייסט אז א הוט ווייזט אויף חשיבות? אין לשון הקודש ווערט א הוט אנגערופן "מגבעות", וואס קומט פונעםווארט גבעה, א בארג. עס הייבט אויף די קאפ, עס מאכט א בערגל אויפ'ן קאפ; דאס מיינט אז דו ביזט העכער.

אין געוויסע פלעצער שטייט "פארי המגבעות", "פארי" מיינט שיינקייט, א הוט איז א שיינקייט. **כובע**, א הוט, איז די זעלבע ווי **גובה** אדער **גבעה**; א בארג. די ציל פון א הוט איז דיר צו מאכן העכער. א יארמולקע איז אויך גוט אבער עס מאכט דיר נישט אזוי הויעך ווי א הוט; וועגן דעם איז א הוט נאך בעסער.

ווען מען טוט אן א הוט ביים רעדן צום אויבערשטן ווייזט מען דערמיט ארויס כבוד. וועגן דעם ווען מיר זאגן "ברוך אתה ה'", ביי "ברוך" בייגן מיר די קניען, ביי "אתה" בייגן מיר זיך איין, אבער ווען מיר זאגן "השם" שטעלט מען זיך אויף גראד. "השם זוקף כפופים!" ווען מען זאגט דעם אויבערשטנ'ס נאמען דארף מען שטיין גראד, ווייל מען דארף רעדן מיט כבוד צום אויבערשטן. ער וויל נישט דו זאלסט זיין איינגעקורטשט, ער וויל מען זאל שטיין מיט כבוד.

אסאך מאל איז וויכטיג זיך צו בוקן. ביי "ואנחנו כורעים ומשתחוים" פאלט מען אראפ ביז דער ערד, אבער בכלליות וויל דער אויבערשטער אז מען זאל ארויסווייזן כבוד, און די כבוד צווישן אידן איז אז מען דעקט צו דעם קאפ. און וועגן דעם ווען מיר רעדן צו השי"ת מיט כבוד און רעספעקט, פירן מיר זיך אויף די אידישע וועג.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעצט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
$4.00
מַרְגְּנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב